ה. כרגיל אפלערנען א ענין אין פירש"י עה"ת. וואס אין אונזער פרשה איז דא א פירש"י תמוה, וואס קיינער שטעלט זיך ניט אויף דערויף. ואעפ"י אז ס'איז דא אין דערויף אן ענין אין הלכה, אן ענין אין דרוש, און אויך א ענין אין פנימיות התורה, שטעלט זיך אבער קיינער ניט אויף דערויף.

וואס דאס איז אויף'ן פסוק "וכל הנשים אשר נשא לבן אתנה בחכמה טוו את העיזים" (פרשתנו לה, כו). וואס פאר דערויף זאגט דער פסוק "וכל אשה חכמת לב בידי' טוו" (שם כה), און ער איז ממשיך אז ס'זיינען געווען נשים וואס "נשא לבן אתנה בחכמה" - ניט סתם חכמת לב, נאר "נשא לבן אתנה בחכמה", און דערפאר וואס זיי זיינען געווען גרעסערע חכמים אין מלאכה הטווי', איז די טווי' געווען אין אן אופן פון "טוו את העיזים".

טייטשט אפ רש"י וואס מיינט טוו את העיזים (ביז וואנ איז דאס געווען אנדערש פון דעם "ויביאו מטוה את התכלת וגו'") - "היא היתה אומנות יתירה, שמעל גבי העיזים טווין אותם", וואס ע"כ איז פירש"י.

וואס אין דערויף איז ניט פארשטאנדיק:

א) וואס גיט צו אין שבח אז מ'האט דעם צמר געוועבט אויף די עיזים, נאך איידער מ'האט דאס אפגעשניטן פון די עיזים? מ'קען דאך ניט זאגן אז מ'איז דא אויסן סתם באווייזן קונץ'ן, אז מ'קען וועבען מעל גבי העיזים, נאר מ'וז זאגן אז דא איז עפעס צוגעקומען אין שבח, דארף מען פארשטיין לכאו' נפק"מ - וואס קומט צו אין שבח בשעה מ'וועבט מעל גבי העיזים?

ולכאורה איז דאך אדרבה: בשעת דאס איז טוין אפגעשניטן פון די עיזים, דעמולט קען מען וועבען ווי ס'דארף צו זיין, אבער בשעה מ'דארף וועבן אויף א בעל חי, און מ'באווייזט דערמיט א קונץ, איז

- דאך -

<u>הנחה הח' בלתי מוגה</u>

דאך מובן אז ס'איז א סאך שווערער, און ניט יעדערער קען דאס מאכן, והראי', אז מ'דארף אנקומען צו א"אומנות יתירה", וואס דאס גופא באווייזט דאך אז דאס איז ניט אזוי גלאטיק, איז אה"נ אז דאס איז טאקע א קונץ, אז מ'קען וועבן מעל גבי העיזים, אבער לאידך איז דא אין דעדויף שוועריקייטן, איז דאך בעסער מ'זאל וועבן ניט על גבי העיזים, וועט זיין גרינגער, וועט מען קענען בעסער וועבן, איז דאך נאכמער ניט פארשטאנדיק פארוואס האט מען געוועבט מעל גבי העיזים, וואס פאר א תועלה איז צוגעקומען דערמיט אין עשיית המשכן?

ב) רש"י איז דאך מפרש דאס וואס שטייט אין פסוק, איז ניט פארשטאנדיק פארוואס זאגט ער "היא היתה אומנוה יתירה" בשעת דער לשון הפסוק איז "חכמת לב". רש"י האט לכאורה געדארפט שרייבן זיין פי' בלשון הפסוק - היא היהה חכמה יתירה, פארוואס איז ער משנה פון לשון הפסוק און זאגט "אומנוה יתירה"?

די קשיא איז נאך שווערער: דער מקור פון וואנענט רש"י נעמט זיין פירוש איז דאס אין גמרא (שבת עד, ב), איז אז מ'גיט א קוק אין גמרא, זעט מען אז די גמרא זאגט טאקע אזוי ווי דער לשון הפסוק - "חכמה יהירה". איז אין גמרא, וואס גמרא איז דאך ניט אזוי פארבונדן מיטן לשון פון פסוק, זאגט די גמרא דעם לשון הפסוק - חכמה יתירה, און רש"י, וואס רש"י איז דאך פארבונדן מיטן לשון פון פסוק, איז משנה און זאגט "אומנות יהירה"?

און מ'מוז זאגן אז חכמה און אומנות זיינען (ניט איין זאך, נאר) צוויי באזונדערע זאכן, ווי מ'זעט דאס דערפון גופא וואס רש"י איז משנה דעם לשון. און ס'איז אויך פארשטאנדיק בפשטות אז חכמה און אומנות זיינען צוויי באזונדערע ענינים: חכמה יתירה מיינט אז מ'איז קליגער, קען מען באווייזן קונץ'ן, משא"כ אומנות מיינט פשוט אז די ארבעט איז א בעסערע. דארף מען פארשטיין: א) וואס איז רש"י אויסן דערמיט וואס ער איז משנה פון לשון הפסוק (והגמרא), ב) פון וואנענט נעמט ער טאקע אז דא מיינט מען אומנות און ניט חכמה?

ג) דערנאך קומט די קלאץ קשיא:

אויב ס'איז יע דא א מעלה אין טווי' ע"ג בהמה, איז פארוואס האט מען דאס געטאן נאר בא עיזים, ס'איז דאך געווען טווי' אויך פון אנדערע זאכן (ניט נאר פון עיזים), ווי ער זאגט פריער "ויביאו מטוה את התכלה ואת הארגמן את תולעה השני", וואס תכלת און ארגמן מיינט - צמר צבוע בצבע תכלת, וצמר צבוע בצבע ארגמן וכו' (רש"י תרומה כה,ד), איז פארוואס האבן די נשים וואס "נשא לבן אתנה בחכמה" - געמאכט די אומנות יתירה נאר ביי עיזים, און ניט בא תכלת וארגמן וכו' [בנוגע צו שש איז קיין קשיא ניט, ווארום שש איז פשתן (רש"י שם), וואס דאס איז צומח, און אין צומח איז דער ענין ניט שייך, די שאלה איז אבער בנוגע צו תכלת וארגמן ותולעת שני], די זעלבע אומנות יתירה האבן זיי געדארפט מאכן בא תכלה וארגמן וכו' ?

די קושיא איז נאך שווערער; אויב דער בן חמש למקרא האט אמאל געזען א עז און א כבש,

ס'קומען אריין צו מיר קינדער, פרעג איך ביי זיי וואס לערנען זיי, זאגן זיי מיר אז זיי לערנען המחליף פרה בחמור, פרעג איך ביי זיי צי זיי האבן אמאל געזען א פרה אדער א חמור, זאגן זיי אז זיי האבן ניט געזען, זיי האבן נאר געהערט אז דאס איז א בעל חי וואס

- גייט -

הנחה הת' בלתי מוגה

גייט אויף פיר פיס, דארעדט מען אבער ביי אזא בן חמש למקרא וואס
ווייסט יע וואס דאס איז.

ווייסט ער דאך אז ` עז איז א ווילדע, זי שפרינגט וכו׳, משא"כ
א כבש איז א סאך שטילער. ווערט דאך די קושיא (הנ"ל) נאך גרעסער,
פארוואס האט מען געוועבט נאר מעל גבי העיזים, און ניט (תכלת וארגמן
- צמר) מעל גבי הכבשים, וועבן אויף א עז איז א סאך שווערער ווי אויף
א כבש, ווארום אן עז איז ווילד, זי שפרינגט וכו׳, משא"כ א כבש איז
שטילער, היינט פארוואס האבן די נשים וואס "נשא לבן אתנה בחכמה" -
געוועבט מעל גבי העיזים און ניט מעל גבי הכבשים?

ובפרט לויט דעם וואס דער מדרש (ראה מדרש הגדול עה"פ) זאגט אז
שער פון א עז איז קשה, און שער פון א כבש איז רך, איז פארוואס נאר
ביי עיזים געווען דער "טוו את העיזים", און ניט בא כבשים?

מ׳קען ניט ענטפערן אז אויב מ׳וואלט געוועבט אויף הכלת וארגמן
אין אן אופן פון אומנות יתירה, וואלט דאס נעמען א ריבוי זמן,
און וויבאלד מ׳האט דאס געדארפט ברענגען גלייך, דערפאר האט מען ניט
געמאכט די אומנות יתירה בא תכלת וארגמן, ווארום דער ציווי אויף
מלאכת המשכן איז געווען למחרת יוהכ"פ (רש"י ר"פ ויקהל), און הקמת
המשכן איז געווען באחד בניסן - "בחודש הראשון וגו׳ באחד לחודש"
(פקודי מ, יז), איז דאך געווען צייט מער פון פינף חדשים, און אידן
האבן געבראכט די נדבות גלייך אין צוויי טעג, ווי ער זאגט "והם הביאו
אליו עוד נדבה בבקר בבקר" (פרשתנו לו, ג), איז וויבאלד אז ס׳איז געווען
צייט ביז דעם בויען דעם משכן, האט מען דאך געקענט ווארטן א פאר טעג,
און די נשים וואס "נשא לבן אתנה בחכמה" זאלן מאכן די אומנות יתירה
אויך בא תכלת וארגמן?

וכמדובר כמ"פ אז דאס דארף זיין פארשטאנדיק בפשטות צו א בן
חמש למקרא, ביז אז רש"י דארף דאס ניט מפרש זיין. דערנאך איז דא אין
דעם פירש"י א ענין אין הלכה, וואס דאס איז פארבונדן מיט צוויי גמרות,
און מיט א רמב"ם, און מיט דעם אלטן רבי׳נס שו"ע, וכפי שיתבאר לקמן.

דער ביאור אין פירש"י:

די מעלה וואס איז דא אין צמר הטווי על גבי העזים פארשטייט דער בן חמש למקרא אליין, ביז אז רש"י דארף דאס ניט אויסטייטשען:

דער בן חמש למקרא ווייסט דאך אז ס'איז דא כמה סוגי קרבנות: מן הבהמה; מן העוף; און ס'איז דא א מנחה פון צומח. און אין דערויף גופא ווייסט ער אז קרבן החי איז חשוב'ער ווי קרבן הצומח, ווי ער האט דאס געזעהן גלייך בא קין והבל, אז קין האט געבראכט אן ענין של צומח, און הבל, א חי, און וישע ה' אל הבל וגו' ואל קין ואל מנחתו לא שעה(בראשית ד, ד-ה), ואע"פ אז קין האט געבראכט מן הגרוע שבצומח (רש"י שם ג, וראה שיחת שבת בראשית תשל"ה), אעפ"כ פארשטייט ער אז דארטן איז געווען נאך א חסרון, ווארום דער עצם ענין פון צומח איז אויך נידעריקער פון חי.

וואס דערפאר איז מובן פארוואס מען האט געוועבט די צמר ע"ג העזים, ווארום דעמאלט איז דאס א ענין פון צומח שבחי, איז דאך דאס מער חשוב.

רערנאך פרעגט דער בן חמש למקרא: פריער האט ער דאך געלערנט, אז די עשי' פון אלע ענינים שבמשכן איז איז אין א אופן פון חרושת, ובחרושה אבן, ובחרושת עץ, ווי רש"י טייטש אפ (תשא לא, ה) אז דאס איז א ענין של אומנות. איז אויב מען וועט זאגען אז ביי די יריעות עזים איז געווען בלויז א חכמה יתירה - א גרעסערער קונץ, אבער קיין חרושה עזים - א אומנוה - איז ניט געווען, פעלט דאך אין דער שיינקייט פון דער מלאכה, אין דעם אומנוה?

- דעריבער -

<u>הנחת הה' בלתי מוגה</u>

דעריבער איז רש"י משנה פון לשון הכתוב און שרייבט אז דאס איז געווען (ניט נאר א חכמה יתירה, נאר) אויך אן ענין של <u>אומנות</u> יתירה.

ס'בלייבט דאך אבער שווער, פארוואס איז ניט געווען די מעלה פון טווי ע"ג החי אויך בא די יריעות פון תכלת וארגמן וכו'?

איז דער ביאור בזה: דער חילוק צווישן די יריעות עזים מיט די יריעות התחתונות איז, וואס די יריעות התחתונות זיינען געווען צמר צבוע בתכלת וארגמן ותולעת שני וגו', משא"כ די יריעות עזים האט מען געמאכט מטוו שהט (ניט געפארבטע).

און וויבאלד מען האט ניט געוואוסט ווען וועט מען ניצן די יריעות וכו', האט מען ניט געקענט ברייגנען די חוטים ווי זיי זיינען אויף די כבשים, געפארבטער הייט, ווארום פאר דער צייט וועלן די האר אויסוואקסן,- וואס דאס פארשטייט אויך א בן חמש למקרא, ווארום ער זעט דאך בא אים די האר וכו' - וועט זיין א חלק פון די פעדים וואס איז יא געפארבט, און א חלק וואס איז ניט געפארבט, וואס דאס שטערט צום גאנצן יופי וכו'. משא"כ בא די יריעות עזים האט מען זיי ניט געדארפט פארבן, איז אפי' אויב ס'וועט צו וואקסן האר וועלן זיי נגרר ווערן נאך די געוועבטע פעדים.

די הוראה פון פירש"י אין פנימיות העניינים איז: לכאורה איז ניט פארשטאנדיק צוליב וואס דערציילט מען ווי אזוי מ'האט געמאכט די יריעות עיזים וכו', דאס איז דאך לכאורה ניט נוגע צו אונז, ווארום דאס איז געווען נאר איין מאל - בא דעם משכן, און מער וועט דאס ניט זיין, אויך ניט אין ביהמ"ק השלישי, ווארום דעם ביהמ"ק השלישי וועט מען ניט דארפן בויען, ווייל ער איז בנוי ומוכן וכו', איז צוליב וואס דערציילט מען דאס אונז?

נאר אין דערויף איז דא א הוראה, אז ס'זיינען געווען די נשים וואס "נשא לבן אתנה בחכמה", און אזוי ווי זיי האבן געהאט אן ענין מיוחד וואס אנדערע נשים האבן ניט געהאט, האבן זיי פארשטאנען אז דער תכלית פארוואס דער אויבערשטער האט זיי געגעבן דעם ענין, איז דאס צוליב דעם משכן.

וואס דערפאר איז אעפ"י מ'האט זיי ניט געהייסן מאכן אן אומנות יתירה, ווייסענדיק אבער אז זיי האבן אן ענין מיוחד - מער חכמה ווי אנדערע, איז די כוונה אין דערויף ס'זאל צוקומען עפעס אין משכן, וואס דערפאר זיינען זיי ארום געגאנגען און געזוכט וואס מען צוקומען אין משכן דורך זייער ספעציעלע חכמה, ביז זיי האבן זיך געכאפט אויף דער המצאה פון "טוו את העיזים".

וואס דאס איז די הוראה, אז בשעה איינער זעט אז דער אויבערשטער האט אים געגעבן אן ענין מיוחד, וואס א צווייטער האט דאס ניט, איז זיכער אז די כוונה אין דערויף איז ניט צוליב אים אליין, נאר מ'זאל צוקומען אין משכן - מאכן פון וועלט א דירה לו ית'.

אזוי ווי מ'זעט ביי די ווייבער וואס האבן געהאט מער חכמה, האבן זיי דאך דאס געקענט אויסניצן פאר די אייגענע עניינים: אפמאכן א גוטן ווארמעס, קויפן זיך א קלייד ס'זאל זיין יפה ביותר, טאקע א קלייד עפ"י תו"ע אן שעטנז, און וויבאלד זי האט מער חכמה, קען זי אויסקלייבן א שיינע קלייד, אדער אז זי ווייסט וועלכן קארפעט צו קויפן, וואס צו קויפן, און ווי לייגן דאס אין שטוב, דערנאך וועט זי קענען באווייזן אלע שכנים אז איר שטוב איז ניט שייכות צו זאגן -

- חכמה -

<u>הנחה הה' בלתי מוגה</u>

חכמה נשים בנתה ביתה, איז אויף דערויף די הוראה אז די נשים האבן געזוכט ווי צו אויסניצן זייער חכמה, אז דורך דעם זאל צוקומען אין משכן, און דערפאר טוו את העיזים, ניט נאר אז זיי האבן גענומען פון די עיזים מילך פאר פרישטיג אדער לאנטש, נאר זיי האבן דערפון געמאכט יריעות פאר׳ן משכן.

עד"ז אויך בנוגע די אידן וואס זיינען געקומען מעבר מכף הברזל (ווי מ׳האט דאס א נאמען געגעבן), איז דא אזוינע וואס זייענדיק דארטן האבן זיי געטאן אין הפצה המעיינות במס"נ וכו׳, דערנאך זיינען זיי געקומען אין ארצות הרווחה, וואו ס׳איז ניטא קיינע מניעות אויף תומ"צ, און מ׳קען מקיים זיין תומ"צ בהרחבה, טוען זיי טוין ניט אין הפצה המעיינות, ווייל׳ע זיי האבן ניט קיין צייט,

אויף בידנעס האט ער צייט, אויף לייענען א צייטונג האט ער צייט וכו׳, אז מ׳קומט אבער צו הפצה המעיינות, אויף דערויף האט ער קיין צייט ניט, ער איז א גרויסער גביר, איז פאר אים געגוג ער זאל רופן א צווייטן, און דער צווייטער זאל זאגן דעם דריטן אז מ׳דארף טאן אין הפצה המעיינות, פאר אים איז דאס גענוג, ער זאל אליין טאן אין הפצה המעיינות - ניט צוליב דערויף איז ער געקומען אהער.

דארף ער וויסן, אז דאס וואס מ׳האט אים געבראכט אין ארצות הרווחה, איז דאס ניט צוליב אים, נאר די כוונה אין דערויף איז, כדי ס׳זאל צוקומען אין די דירה לו ית׳ דורך דעם וואס ער וועט מאכן דעם ק"ו אז כה-דאך זייענדיק דארטן האט ער מקיים געווען הורה מעוני, איז דאך עאכו"כ אז ער דארף מקיים זיין הורה מעושר, בכילא דארף ער וויסן זיין, אז די כוונה וואס מ׳האט אים ארויסגענומען פון דארטן איז, ער זאל טאן דא אין הפצה המעיינות נאך מערער ווי ער האט געטאן דארטן.

וואס דאס איז די הוראה אז יעדער ענין וואס דער אויבערשטער גיט אים, איז די כוונה אין דערויף מאכן א דירה לו ית׳, וכידוע די מעשה מיט א חסיד פון אלטן רבי׳ן (וואס איז געדרוקט אין התמים), וואס בשעה מ׳האט זיך ביי אים געמאכט א פארדינסט שלא ע"ד הרגיל, האט ער געוואוסט זיכער אז ניט אים מיינט מען, נאר באלד וועט קומען דער משולח פון רבי׳ן, און ער וועט אוועקגעבן די געלט דעם משולח, ער זאל דאס געבן דעם רבי׳ן, ווארום וויבאלד אז ס׳האט זיך געמאכט אן ענין בלתי רגיל, איז זיכער אז ער דארף דאס געבן דעם רבי׳ן.

וואס ס׳איז דא דער מליח פון רעם רבי׳ן דער שווער, וואס ער געפינט זיך אין יעדן איינעם וואס איז דעם שווערס א הביד, און ער טורקעט אים, און מאכער ווערט ער אנשלאפן, קומט ער צו אים אין חלום, און מענה׳ט: וואס האסטו געטאן היינט, נעכטן, אייער נעכטן, צוליב הפצה המעיינות!

און דאס דארף מען וויסן אז יעדער ענין וואס דער אויבערשטער גיט איז די כוונה אין דערויף מ׳זאל מאכן דערפון א דירה לו ית׳, נאר וויבאלד דער אויבערשטער איז א גוטער, איז שריים דערפון קומט אויך אראפ אין זיינע ענינים, דורך דעם וואס ער גיט "והחמישית תהי׳ לפרעה" - דבי׳ אתפריעו כל נהורין (זח"א רי, א), ווערט "ארבע הידות יהי׳ לכם" - אין קדושה איז דאס אין אן אופן פון אתפריעו כל נהורין, משא"כ אין עניני העולם, איז דאס ניט אתפריעו וכו׳, מערניט ווי ארבע הידות, אבער דער עיקר אין דערויף איז, דאס וואס ער גיט אפ פאר קדושה. וכמבואר אין מדרש אז לא נברא זהב אלא בשביל ביהמ"ק, נאר אלץ שריים וכו׳ נוצט זיך רערביט אויך די גאנצע וועלט.

- וואס -

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

וואס לכאורה קען ער טענה'ן וויבאלד אז ער גיט א חומש פאר צדקה איז צוליב וואס דארף ער געבן מערער? און בפרט אז דער יצה"ר קומט צו אים און זאגט אים אז אה"נ מצד זיך ארט אים ניט, און ער איז מסכים צו געבן, אבער דורך דעם וועט דאך פעלן בא בני ביתו - אין אנדערע זאכן איז ער מעיק צו די ב"ב בשביל טובת עצמו, און דא מיט אמאל זאגט ער אז אים פאר זיך ארט ניט, ס'איז מערניט וואס ס'וועט פעלן בא בני ביתו, איז אויף דעם זאגן מען אים אז די כוונה איז ניט צוליב אים, נאר מאכן א דירה לו ית'.

און אין יעדער זאך דארף מען געפינען וואס וועט צוקומען דורך דעם אין משכן, ביז אז מ'נעמט א ווילדע ציג, און מ'מאכט פון איר יריעות, וואס משיח וועט דאס ניצן פאר'ן ביהמ"ק.

אזוי ווי אין דער פרשה רעדט זיך וועגן די מצוה פון מחצית השקל, וואס אין דערויף זיינען נשים אדער קטנים ניט מחוייב, ביז אז ס'זיינען דא דעות (ראה נו"כ הירוש' שקלים פ"א ה"ג) אז מ'איז אין דערויף חייב נאר מבן עשרים, אפילו ניט בן י"ג שנה, אעפי"כ אויב אן אשה אדער א קטן - ניט נאר צווישן י"ג און עשרים, נאר אפילו פחות מבן י"ג - האבן געבראכט מחצית השקל, נעמט מען פון זיי, אבער אויב א גוי וועט וועלן ברייננגען וועט מען ניט נעמען פון אים (רמב"ם פ"א מהל' שקלים ה"ז) [ניט אזוי ווי נדרים ונדבות וואס מ'איז יע מקבל פון א גוי (נזיר סב, א וש"נ)] - א פיצל קינד וועט געבן מחצית השקל וועט מען פון אים נעמען, און דערפון בויען דעם ביהמ"ק, וואס דאס איז א דבר נצחי, אויב אבער א גוי, אפילו חסידי אומות העולם, וועלן וועלן ברייננגען, זאגט מען אים זאת לא, "לא לכם ולנו לבנות בית אלקנו" (עזרא ד, ג).

וואס כאן המקום מעורר זיין נאכאמאל וועגן דעם חוק אומלל פון מיהו יהודי, וואס וואו מ'גיט זיך א קער זעט מען דעם חורבן וואס דער ענין פון מיהו יהודי מאכט, מ'רעדט וועגן מחצית השקל, איז קומט דער ענין פון מיהו יהודי און ברעכט דאס, ווארום מחצית השקל וואס דערפון האט מען געבויט דעם משכן, קען געבן נאר א איד און ניט קיין גוי, ווארום "לא לכם ולנו לבנות בית לאלוקינו".

און דער זעלבער וואס האט גע'טענה'ט "לא לכם ולנו לבנות בית לאלוקינו", האט געהייסן אוועק שיקן די נשים נכריות, וואס דעמולט האבן אידן ע:לה געווען אין א"י, און נאר ווייניק אידן זיינען געקומען - מער ניט ווי 40 טויזנט אידן, א:ן צווישן זיי זיינען געווען אזוינע וואס האבן גענומען נשים נכריות, און זיי האבן אויך געהאט קינדער פון זיי, אעפ"כ איז עזרא ניט נתפעל געווארן, און געהייסן אוועק שיקן די נשים נכריות מיט זייערע קינדער,און אויף זיי האט ער גע'פועל'ט, נאר ער האט זיך געדארפט שפארן מיט די מענער, און איז ניט נתפעל פון סנבלט החורני, און ניט פון דריוש וכו', ניט פון א אידן וואס איז געווען קרוב למלכות, און ניט להבדיל פון א גוי.

דערנאך קומט מען און מ'זאגט אז דער ענין פון מיהו יהודי איז ניט אקטואל, ווער זאגט דאס - דער זעלבער וואס האט געזאגט אז ס'איז ניטא קיין פס"ד פון רבנים, קיין חות דעת וכו', מיט נאך ליגענ'ס, שוין דריי מאל דריי וואס ער זאגט ליגענ'ס, וואס בתלתא זמני הוי חזקה, קומט ער און זאגט אז ס'איז ניט אקטועל, ווייל ס'איז ניטא קיין פאלן פון גיור וכו',

- ס'איז -

<u>הנחה הת' בלהי מוגה</u>

ס'איז ניט קיין נפק"מ צי ס'איז געווען טויזענטער פאלן פון גיור, אדער הונדערטער פאלן, אדער אפילו מערניט ווי איין פאל - דער גאנצער ענין פון גזירת המן איז געקומען דורך דערויף וואס מ'האט געדארפט הרג'נען אגג מלך עמלק גלייך, און מ'האט דאס דוחה געווען אויף מארגן, און פון יענע נאכט איז דערנאך ארויסגעקומען המן מיט זיינע צען קינדער, און ער האט גוזר געווען א גזירה, אויף אלע אידן אנשים נשים וטף, ווי ס'ווערט דערציילט אין מגילה, וואס דארפן האט מען ניט פארשריבן א גוי אלץ א איד, מערניט וואס אנשטאט מקיים זיין די מצוה פון "מחה תמחה" גלייך, האט מען דאס אפגעשטופט אויף א פאר מעת שפעטער. ווארום בא שאול'ן אין שכל איז אויסגעקומען אז מ'קען דאס טאן אויך שפעטער, איז דערפון געווארן דערנאך גזירה המן און די צרות וכו', וואס דאס איז א ענין וואס מ'געדיינקט שטענדיק בכל הדורות, ביז אפילו לע"ל וועט מען אויך געדיינקען די צרה פון פורים, ווי ס'איז דא דער פלא'דיקער רמב"ם (סוף הל' מגילה) וואס זאגט אז אפילו די צרות וואס זיינען דעמולט געווען וועלן אויך ניט פארגעסן ווערן - "ולא יסוף", וואס דערפון איז פארשטאנדיק אויף וויפיל מ'דארף זיך אפהיטן פון א גוי.

וואס לכאורה איז ניט פארשטאנדיק צוליב וואס דערציילט די תורה אז דערפאר וואס שאול האט ניט גע'הרג'עט אגג'ן איז געווען וכו', אפילו בגנות בהמה טמאה רעדט ניט תורה, נאר וויילע אין דערויף איז דא א הוראה, אז אפילו ווען אין דעם שכל פון שאול האט זיך געלייגט אז ס'איז ניט געפערלעך, און מ'קען דאס אפשטופן, האט דאס ניט געטויגט, ווארום בשעת ס'קומט צו שו"ע, איז ניטא קיינע חשבונות, אפילו שאול'ס חשבונות - וואס ווער קען זיך גלייכן צו שאול'ן, וואס אויף אים שטייט "משיח ה'" (שמואל א כד, ז. יא), איז ווען ס'קומט צו שו"ע, איז ניטא קיינע חשבונות.

עד"ז דא האט ער חשבונות אז ער וועט געבן צו ישיבות, כוללים וכו', און דערפאר לייגט זיך דאס, איז נוסף אויף דערויף וואס דאס איז א חלישות אין אמונה אז ער טראכט אז די געלט מוז דורך גיין דורך אים, וואס דער אמת איז דאך ניט אזוי, אויב דער כולל דארף קריגן געלט, מוז דאס ניט זיין דורך אים, ווארום הרבה שלוחים למקום, נוסף לזה, טאר מען ניט ניצן אזוינע געלט אויף ישיבות וכו'.

וואס דאס איז דאך א חוק וואס האט ניט קיין אחיזה אפילו ניט אין אנושיות וכו', ואשרי חלקו פון דעם וואס טוט אויף מבטל זיין דעם חוק, און דאס איז דאך זיכער אז דבר ה' יקום לעד ולעולמי עולמים, ודבר ה' זו הלכה, וועט דאס זיין בשלימות, צוזאמען מיט שלימות ארץ הקדושה, וואס אין דערויף איז אויך דבר ה' יקום לעד ולעולמי עולמים, וואס ס'איז דא דער פס"ד אז א"י איז "לזרעך אחריך אחוזת עולם" (ויחי מד, ד) בקרוב ממש.

ז. בנוגע דעם ענין פון הלכה וואס איז דא אין דעם פירש"י:

דער חילוק צי מ'זאגט אז דאס איז אומנות יתירה אדער דאס איז חכמה יתירה איז, אז אויב דאס איז חכמה יתירה, איז מען אויף דערויף ניט חייב בשבת, ווארום דאס איז ניט קיין מלאכה נאר חכמה, משא"כ אויב דאס איז אומנות יתירה, איז מען אויף דערויף חייב בשבת.

וואס אין דערויף איז דא א מחלוקה אין גמרא (שבת עד, ב), "המווה צמר שעל גבי בהמה בשבת חייב שלש חטאות אחת משום גוזז ואחת משום מנפץ

- ואחת -

<u>הנחה הת' בלתי מוגה</u>

ואחת משום סווה", און דער צווייטער האלט אז ס'איז ניט חייב ווארום "אין דרך סווי' בכך". וואס די מחלוקה איז, צי דאס איז א ענין של מלאכה (אומנות), דעמולט איז מען חייב, אדער דאס איז א ענין של חכמה, וואס דעמולט איז מען ניט חייב בשבת, ווארום דאס איז חכמה ואינה מלאכה, און די וואס סוען דאס בטלה דעתם, איז דאס כלאחר יד. און ביידע לערנען דאס אפ פון דעם פסוק "סוו את העיזים", ד.ה. אז אין דעם פסוק "סוו את העיזים" קען מען לערנען אויף צוויי אופנים; אדער אז דאס איז חכמה, אדער אז דאס איז אומנות, און רש"י קלייבט אויס דעם פירוש אז דאס איז אומנות יתירה, ווארום ער גייט דא לשיטתו כדלקמן.

וואס לכאורה איז ניט פארשטאנדיק ווי קען מען זאגן אז דאס איז חכמה ואינה מלאכה, ס'איז דאך געווען א מלאכה אין משכן, און אל'ע מלאכות וואס זיינען געווען אין משכן זיינען דאך מלאכות חשובות, ווארום מ'לערנט דאך אפ די מלאכות האסורות בשבה פון די מלאכות וואס זיינען געווען אין משכן, איז ווי קען מען זאגן אז דאס איז חכמה ואינה מלאכה?

וועט מען דאס פארשטיין בהקדים וואס דער ראגאצ'ווער (בהבא לקמן ראה צפע"נ מהד"ת ג, ב. פב, ג-ד - הובא בכלל ההוהכ"צ ח"א ע' צט. ובצפע"נ עה"פ) זאגט אז אעפ"י אז בונין את המקדש ביום ולא בלילה, איז דאך דאס א מ"ע שהזמן גרמא, אעפי"כ זיינען נשים מחוייב אין דערויף. און ווי מ'זעט דאס דערפון וואס אויך נשים האבן געבראכט נדבות פארן משכן, וואס דאס איז דאך ניט געווען מדעת עצמם נאר משה האט זיי געהייסן. ווי ס'שטייט אין אדר"נ (רפי"א) אז ויקהל משה כיינט אנשים נשים וטף, און ער האט אלעמען געהייסן מאכן דעם משכן,

- ואעפ"י אז ס'שטייט "ויבואו האנשים על הנשים", אז די נשים זיינען געקומען מיט די אנשים - איז דאס דערפאר וואס מ'איז ניט מקבל נדבות פון נשים, ווייל ס'דארף זיין ברשות הבעל, און דאס מיינט "ויבואו האנשים על הנשים" אז דעמולט האט מען געקענט נעמען נדבות פון נשים, ווארום די אנשים זיינען געקומען מיט זיי, איז דאס געווען ברשות הבעל -

ווארום אין בנין המקדש זיינען דא צוויי גדרים: א) די מ"ע פון בויען א מקדש, ב) דאס וואס דער רמב"ם (ריש הל' ביהב"ח) זאגט אז דער מקדש איז בכדי מ'זאל קענען מקריב זיין קרבנות, און ווייבאלד אז אין קרבנות זיינען נשים אויך מחויב, אזוי ווי קרבן יולדה, זבה וכו', דערפאר זיינען זיי אויך מחויב אין בנין המקדש, כדי זיי זאלן קענען מקריב זיין זייערער קרבנות.

קומט דאך אויס אז דברים וואס זיינען מעכב אין מקדש, וואס אן זיי איז דאס ניט קיין מקדש, און מ'קען ניט מקריב זיין דארטן קרבנות. איז אין דערויף זיינען נשים מחויב, ווארום דאס איז לצורך הקרבן. משא"כ דברים וואס זיינען ניט מעכב אין מקדש, און אן זיי קען מען אויך מקריב זיין קרבנות, איז דאס נאר א גדר אין מצוה בנין המקדש (ניט פארבונדן מיט קרבנות), איז דאס א מ"ע שהזמן גרמא און נשים זיינען זיינען פטור.

בנוגע דעם משכן, - וועט הייסט דאס שוין א משכן מ'זאל קענען מקריב זיין דארטן קרבנות, איז דאך דא די גמרא (שבת כז, ב ואילך) וואס זאגט אז היוצא מן העץ אינו מטמא טומאת אהלים אלא פשתן, און די גמרא לערנט דאס אפ, גמר אוהל אוהל ממשכן אז ס'שטייט "ויפרוש את

- האוהל -

<u>הנחת הה' בלתי מוגה</u>

האוהל על המשכן" (פקודי מ, יט), וואס דאס מיינט די יריעות התחתונות, וואס דארטן איז געווען פשתן - עש, און דאס ווערט אנגערופן אוהל, און דערפאר זאגט די גמרא אז א אוהל של פשתן איז מטמא.

וואס דערפון זעט מען אז די יריעות התחתונות ווערן אנגערופן אוהל, ד.ה. אז ווי ס'איז שוין דא די יריעות התחתונות אליין, ווערט דאס שוין אנגערופן אוהל מועד, קען מען שוין מקריב זיין דארטן קרבנות, און אפילו אויב דער ווינט האט מקפל געווען די יריעות העליונות - יריעות עיזים - פונדעסטוועגן איז דער משכן כשר אויף מקריב זיין אין אים א קרבן, ווארום דאס ווערט שוין אנגערופן אוהל.

קומט דאך אויס אז נשים קענען ניט מאכן די יריעות עיזים, ווארום יריעות עיזים איז ניט פארבונדן מיט קרבנות (דער משכן איז א משכן אויך אן דעריף), איז דאך די יריעות עיזים נאר א גדר פון בנין המשכן, וואס דאס איז א מ"ע שהזמן גרמא, קענען דאס די נשים ניט טאן.

מוז מען דעמולט זאגן אז דאס וואס די נשים טוו את העיזים, איז דאס געווען מערניט ווי א חכמה ולא מלאכה, און די מלאכה אין דעריף האבן געטאן טאקע אנשים ניט נשים. וואס דאס איז אלץ אויב מ'לערנט אז דאס וואס ס'שטייט ויפרוש את האוהל על המשכן - מיינט דאס די יריעות התחתונות.

אז מ'גיט אבער א קוק אין דעם פסוק "ויפרוש את האוהל על המשכן" זעט מען אז רש"י לערנט אז אוהל מיינט יריעות העיזים - אין דרך ההלכה קען מען לערנען אז אוהל מיינט די יריעות התחתונות, אבער רש"י אין פשט"ב קען אזוי ניט לערנען, ווארום אין פ' תרומה (כו, ז) שטייט "ועשית יריעות עיזים לאוהל על המשכן", וואס משכן טייטשט אפ רש"י אז דאס איז די יריעות התחתונות, און יריעות עיזים איז אוהל על המשכן. וואס דערפאר מוז רש"י לערנען אז דאס וואס ס'שטייט "ויפרוש את האוהל על המשכן", איז אוהל מיינט די יריעות עיזים (ניט יריעות התחתונות), קומט דאך אויס לפי"ז אז ווען ווערט דאס אנגערופן אוהל (ניט ווען ס'איז דא די יריעות התחתונות, נאר) דוקא ווען ס'איז דא יריעות עיזים, און דוקא דעמולט קען מען מקריב זיין דארטן קרבנות, איז דאך פארשטאנדיק אז אויך נשים קענען מאכן די יריעות עיזים, ווארום זיי דארפן דאס אויך האבן צוליב קרבנות, דעמולט קען מען שוין לערנען אז דאס וואס די נשים טוו את העיזים איז דאס אן אומנות - א מלאכה, ווארום זיי קענען טאן די מלאכה ווייל זיי דארפן דאס האבן צוליב קרבנות.

קומט דאך אויס אז רש"י גייט לשיטתו, וויבאלד אז ער לערנט אז "ויפרוש את האוהל" מיינט די יריעות עיזים, איז יריעות עיזים אויך א טייל פון משכן, וואס דוקא דעמולט קען מען מקריב זיין דארטן קרבנות, קענען דאס נשים אויך טאן, און דערפאר לערנט רש"י אז טוו את העיזים איז אן אומנות יתירה (ניט חכמה נאר מלאכה).

און דאס איז דאך אויך א נפק"מ אין הלכה, ווארום אז מ'זאגט אז דאס איז א מלאכה, איז מען אויף דעריף חייב בשבת. וואס דערפון זעט מען אויף וויפיל יעדער ווארט אין רש"י איז מדויק, ביז אז פון איין ווארט לערנט מען אפ א גאנצן ענין אין הלכה.

און אין דעריף איז אויך דא די יגיעה של תורה ווי גערעדט פריער, אז בשעת איינער זעט אז דער אויבערשטער האט אים געגעבן אן ענין וואס א צווייטער האט דאס ניט, דארף ער וויסן אז די כוונה אין דעריף איז ניט צוליב אים, נאר מ'זאל צוקומען דורך אים אין משכן, און ער קען

- אויפטאן -

הנחה הת' בלתי מוגה

אויפטאן אין משכן ניט נאר אין אן ענין של הידור, נאר אן ענין של חובה, אז דאס ווערט א חלק פון עצם המשכן (חסר יצה).

און דורך דעם בויט מען דעם משכן, און מ'ווערט דער ושכנתי בתוכם. ביז אז מ'איז זוכה צו בנין ביהמ"ק השלישי ע"י משיח צדקנו, און מ'ווערט ויהי נועם ה' אלקינו עלינו וגו', בקרוב ממש.

(לאחר תפלת מנחה התחיל לנגן עוצו עצה).

* * *

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

זיין דער "ויקרא אל משה", און דערנאך וועט דאס אנקומען צו יעדער אידן און צו אלע אידן עד סוף כל הדורות,

כן תהי' לנו, אין ביהמ"ק השלישי שיבנה במהרה בימינו ממש, בביאת משיח צדקנו.

* * *

לג. צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה החודש הזה לכם גו'.

* * *

לד. בנוגע צו פירוש רש"י אויף פרשת השבוע - האט מען גערעדט כמ"פ אז וויבאלד פרש"י איז לא חסר ולא יתיר, איז פארשטאנדיק, אז אזוי ווי מ'דארף פארשטיין בדיוק יעדער ווארט (עאכו"כ יעדער ענין) וואס רש"י ברענגט אראפ בפירושו איז עד"ז אויך לאידך, אז ווען ס'איז דא אן ענין וואס איז דורש ביאור אין פשש"מ, און רש"י איז דאס ניט מבאר, דארף מען האבן א ביאור, היתכן, וויבאלד אז רש"י טייטשט אפ פשש"מ, איז פארוואס איז ער ניט מבאר דעם ענין.

וואס בפרשתנו איז דא א שאלה גדולה וועלכע רש"י פאר-ענטפערט ניט, און די שאלה ווערט נאכמער בהדגשה דערזעהנדיק אן ענין וועלכן רש"י איז מבאר, וואס דאס מאכט נאך שטארקער די קושיא פארוואס שטעלט זיך ניט רש"י אויף דעם צווייטן ענין.

לה. אין פ' פקודי[106] שטעלט זיך רש"י אויף דעם וואס ס'שטייט "ובצלאל גו' עשה את כל אשר צוה ה' את משה", און טייטשט אפ: "אשר צוה אותו משה אין כתיב כאן אלא כל אשר צוה ה' את משה, אפילו דברים שלא אמר לו רבו הסכימה דעתו למה שנאמר למשה בסיני, כי משה צוה לבצלאל לעשות תחלה כלים ואח"כ משכן, אמר לו בצלאל מנהג עולם לעשות תחלה בית ואח"כ משים כלים בתוכו", און אויב מ'וועט פריער מאכן די כלים און ערשט דערנאך דעם משכן, וועט מען דאך ניט האבן וואו צו איינשטעלן די כלים, און אויף דערויף האט אים משה רבינו געזאגט "בודאי כך צוה לי הקב"ה, וכן עשה המשכן תחלה ואח"כ עשה כלים".

וואס דער ענין שטייט אין גמרא, סיי אין בבלי[107] און סיי אין ירושלמי[108], און אין מדרשים[109] ובכ"מ, און רש"י ברענגט דאס אראפ פון דארטן, אבער אין כמה פרטים איז ער משנה דערפון וואס ס'שטייט דארטן;

- אבער -

---

106) לח, כב. 107) ברכות נה, א. 108) פאה פ"א ה"א (ב, ריש ע"ב). 109) ב"ר פ"א, יד.



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 377 הודפס ע"י אוצר החכמה

אבער אין כאן המקום להאריך בזה, וויבאלד אז מ'האט דאס נאר געבראכט אויף צו מדגיש זיין די שאלה אין דעם ענין וואס רש"י איז ניט מבאר.

וואס עפ"ז ווערט א שאלה:

אזוי ווי "מנהג עולם" איז "לעשות תחלה בית ואח"כ משים כלים בתוכו". איז אזוי אויך דער "מנהג עולם" אז ווען מ'בויט א בית, בויט מען פריער די ווענט און ערשט דערנאך שטעלט מען ארויף דעם דאך.

און אפילו לויט ווי ס'איז געווארן דער סדר אין מדינה ווי אין די לעצטע צייטן, אז יעדער זאך דארף זיין קאפויער, און מ'בויט דעם דאך און ערשט דערנאך בויט מען די ווענט - איז כדי אז דער דאך זאל קענען זיין במציאות, בויט מען פריער עמודים, וואס אויף זיי האלט זיך דער דאך, און דערנאך שטעלט מען צו די ווענט.

און אז מ'גיט א קוק אין פ' תרומה און אין פ' ויקהל, זעט מען אז סיי אין דעם ציווי הקב"ה למשה. און סיי ווען עס ווערט דערציילט ווי מ'האט געבויט דעם משכן בפועל, שטייט פריער אז מ'האט געמאכט די יריעות פון "שש משזר", די "יריעות עזים", און די ידיעות פון "עורות אילים מאדמים" און "עורות תחשים", און ערשט דערנאך שטייט אז מ'האט געמאכט די קרשים פון דעם משכן.

איז ניט פארשטאנדיק: ווי שטימט דאס מיטן "מנהג עולם" אז פריער בויט מען די ווענט, און ערשט דערנאך בויט מען דעם דאך?

וואס בשעת מ'בויט פריער דעם דאך און דערנאך די ווענט (פריער די ידיעות און דערנאך די קרשים), איז דאס א סתירה מיני' ובי', נאכמער ווי בויען פריער די כלים און דערנאך דעם בית - ווארום:

בשעת מ'מאכט פריער די כלים און דערנאך דעם משכן, איז די שאלה נאר וואו וועט מען דערווייל האלטן די כלים, די שאלה איז אבער ניט אזוי גרויס, ווארום מ'קען האלטן די כלים דארטן וואו מ'האט געהאלטן דעם זהב וכסף ונחושת איידער מ'האט דערפון געמאכט די כלים, אדער אין אן אנדער אופן;

אבער בויען דעם משכן גופא אין אן אופן אז פריער זאל מען מאכן די יריעות און דערנאך די קרשים, איז דאס ניט נאר אן ענין וואס איז היפך פון "מנהג עולם" (אז פריער בויט מען די ווענט, און ערשט דערנאך דעם דאך), נאר די שאלה איז ביתר שאת וביתר עז: דאס איז אן ענין הפכי אין דעם משכן גופא - צום אלעם ערשטן מאכט מען די יריעות, ווען ס'איז

- נאך -

הנחה הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 378 הודפס ע"י אוצר החכמה

נאך אפי' ניטא קיין עמודים, און ערשט רערנאך מאכט מען די קרשים?!

און מ'געפינט ניט אז רש"י זאל ערגעץ באווארענען די שאלה.

לו. די שאלה ווערט ערשט נאך דערויף וואס רש"י ברענגט אראפ אז בצלאל האט גע'טענה'ט צו משה רבינו אז "מנהג עולם לעשות תחלה בית ואח"כ משים כלים בתוכו", און משה רבינו האט אויף דערויף מסכים געווען, ווארום לולא זאת וואלט מען געקענט זאגן אז פון "מנהג עולם" איז קיין קושיא ניט בנוגע צו ביתו של הקב"ה - און דערפאר ווערט די שאלה ערשט נאך דערויף וואס רש"י ברענגט אראפ אז דאס איז געווען די טענה פון בצלאל.

וואס בא בצלאל גופא איז געווארן א ספק, אפשר איז דער "מנהג עולם" ניט שייך בנוגע צו ביתו של הקב"ה - וואס אין דערויף זיינען דא צוויי סברות:

לכאו' קען מען זאגן אז דאס איז אויך שייך בא ביתו של הקב"ה, מצד דעם זעלבן טעם - וואו וועט מען דערווייל לייגן די אלע כלים (וואס די סברא איז שייך סיי בנוגע צו א בית של בו"ד, און סיי בנוגע צו ביתו של הקב"ה),

מ'קען אבער זאגן אז בנוגע צו ביתו של הקב"ה האט געוואוסט בצלאל און משה רבינו און אלע אידן, אז "לה' הארץ ומלואה תבל ויושבי בה"[110], איז במילא בשעת מ'וועט מאכן דעם ארון, דעם שלחן, די מנורה און אלע אנדערע כלים, און דאס וועט שטיין אין מדבר, איז דאס אויך ביתו של הקב"ה.

אבער עפ"ז ווערט די שאלה: צוליב וואס דארף דער אויבערשטער האבן דעם משכן, ער האט דאך די גאנצע וועלט, השמים ושמי השמים הארץ וכל אשר בה? - נאר דער אויבערשטער וויל אז ס'זאל זיין דער "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם", אז ס'זאל זיין בדוגמא ווי דאס איז בא די אויף וועלכע מ'זאגט "ושכנתי <u>בתוכם</u>", ס'זאל זיין בדוגמת א בית פון א בו"ד (להבדיל).

און אויף דערויף האט בצלאל גע'טענה'ט אז וויבאלד דער אויבערשטער וויל אז ביתו זאל זיין אזוי ווי דער "מנהג עולם" - איז "מנהג עולם לעשות תחלה בית ואח"כ משים כלים בתוכו".

און דערפאר איז נאך דערויף וואס מ'ווייסט אז בצלאל - האט -

-----------

110) תהלים כד, א.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 379 הודפס ע"י אוצר החכמה

האט גע׳טענה׳ט די טענה, און משה רבינו האט אנגענומען זיין טענה - ווערט אויך די שאלה: פארוואס האט מען פריער געמאכט די יריעות און ערשט דערנאך די קרשים. "מנהג עולם" איז דאך מאכן פריער די ווענט און ערשט דערנאך דעם דאך.

וכפי שיתבאר לקמן ע"ד הפשט, און אויך ע"ד הרמז.

לז. אין דערויף קומט אויך צו דער דיוק אין דעם לשון "ואח"כ משים כלים בתוכו" - וואס לכאו׳ איז ניט פארשטאנדיק

דא האט זיך דאך ניט געהאנדלט וועגן אריינשטעלן פארטיקע כלים אין משכן (אז משה רבינו זאל געבן צו בצלאל פארטיקע כלים, און ער זאל דאס נאר דארפן אריינשטעלן אין משכן), נאר וועגן עשיית הכלים, האט די טענה פון בצלאל געדארפט זיין בנוגע צו עשיית הכלים, אז "מנהג עולם לעשות תחלה בית ואח"כ לעשות כלים" (אדער אן אנדער לשון וכיו"ב), איז פארוואס רעדט ער וועגן "משים כלים בתוכו"?

איז דער ביאור בזה:

דער "מנהג עולם" איז, אז דער וואס איז עושה א בית (היינו מבוגר וכו׳), האט שוין כלים פון פריער (שהשתמש בהם עד אז), נאר לאחרי עשיית הבית ברייננגט ער אהינצו די כלים, און דערפאר איז דער לשון "ואח"כ משים כלים בתוכו".

לח. בנוגע צו די הערות אויפן זהר פון דער פרשה - איז דא אן ענין אין זהר פ׳ פקודי וואס איז פארבונדן מיט דעם ענין אין וועלכן מ׳איז זיך איצטער עוסק, אלס "כל מעשיך יהיו לשם שמים" און "בכל דרכיך דעהו" - וואס יעדערער פירט דאך אן מיט די פאליטיק פון דער גאנצער וועלט, עאכו"כ מיט די פאליטיק פון א"י, עאכו"כ מיט די פאליטיק פון "זאת מנוחתי עדי עד"[111], וואס דאס גייט אויף ירושלים, וואס זי ווערט אנגערופן "מנוחה"[112].

אין זהר פ׳ פקודי[113] שטייט "פתח ארונא ואמר זאת מנוחתי עדי עד פה אשב כי אויתי׳ [ו]וארום פריער איז דער ארון געווען אין אן אופן פון "ואהי׳ מתהלך באוהל"[114], ער איז געווען אין משכן, און איז ארומגעגאנגען אין מדבר, און דערנאך איז ער געווען אין שילה, נוב וגבעון - און ווען ער איז געקומען אין ביהמ"ק, איז "פתח ארונא ואמר זאת מנוחתי עדי עד פה אשב כי אויתי׳"], ר׳ יימא אמר האי קרא כנסת ישראל אמרה וכו׳, ר׳ חזקי׳ אמר קב"ה אמר לי׳ על כנסת ישראל כו׳".

- און -

---

111) תהלים קלב, יד. 112) זבחים קיט, א. ספרי עה"פ ראה יב, ט. 113) רכב, ב. 114) ש"ב ז, ו. וראה שהש"ר פ"א סז [ג].



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 380 הודפס ע"י אוצר החכמה

מז. און "אין מקרא יוצא מידי פשוטו"[148], און אין ענין יוצא מידי פשוטו - אז תכלית הכוונה פון כל מעשינו ועבודתנו בכשך כל זמן הגלות איז, אז ס'זאל זיין דער ענין פון "מיד הן נגאלין"[149], כמבואר אין תניא[150], און פארשטאנדיק בפשטות פון כמה מדרשי רז"ל, ביז צו פסקי דינים בפועל.

וואס דעמולט וועט מען מקיים זיין דעם ענין פון "ושם נעשה לפניך את קרבנות חובותינו", אין אן אופן פון "כמצות רצונך"[151].

ווארום עס וועט זיין דער ענין פון שלימות העם, שלימות פון כנס"י, צוזאמען מיט שלימות התורה, די שלימות פון דעם ארון, צוזאמען מיט שלימות הארץ - וואס דאס איז דער ענין פון "זאת מנוחתי עדי עד", ווארום דאס גייט אויף ירושלים, און פון דארטן איז זיך דאס מתפשט אין גאנץ א"י (ווי ער זאגט אין זהר),

און פון דארטן ווערט דאס נתפשט אין דער גאנצער וועלט. און דאס פועל'ט אז אוה"ע העלפן ארויס אידן בכל עניניהם.

און תיכף ומיד קומט די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, יבוא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, במהרה בימינו ממש.

* * *

מח. דער ביאור אין פרש"י (בקיצור עכ"פ):

אויפן פסוק[152] "וכל הנשים אשר נשא לבן אותנה בחכמה טוו את העזים", טייטשט אפ רש"י: "היא היתה אומנות יתירה שטוו מעל גבי העזים טווין אותן", וואס דער טעם אויף דערויף בפשטות איז, כדי אז ס'זאל זיין לעבעדיקער און פרישער, און ס'זאל האבן ליחות וכו', ווי ס'שטייט אין ספורנו[153] און אין אנדערע מפרשי התורה.

וואס דאס איז אן ענין וואס איז פארשטאנדיק בפשטות (וואס דערפאר דארף דאס רש"י ניט אויסטייטשן) - ווארום דער בן חמש למקרא פארשטייט אז ווען דאס געפינט זיך נאך "על גבי העזים", איז דאס פרישער און לעבעדיקער, און דאס האט אין זיך א חיות און א שטארקייט, משא"כ נאך דערויף וואס מ'שניידט דאס אפ.

עפ"ז וועט מען פארשטיין פארוואס האט משה רבינו

- געהייסן -

---

148) שבת סג, א. וש"נ. 149) רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ה.
150) רפל"ז. 151) ראה וככה תרל"ז פי"ז ואילך.
152) ויקהל לה, כו. 153) עה"פ.

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 387 הודפס ע"י אוצר החכמה

געדייכן אז די ערשטע זאך זאל מען מאכן די יריעות, און ערשט דערנאך די קרשים:

בשעת אידן האבן געבראכט צו משה רבינו נדבת המשכן, איז אין אופן פון "ויבואו האנשים על הנשים"[154], און די נשים וואס "טוו את העזים" האבן געבראכט מיט זיך די ציגן - איז ווען משה רבינו וואלט געהייסן אז פריער זאל מען בויען די קרשים, די עמודים, די אדנים און די בריחים וכו׳, און ערשט דערנאך מאכן די יריעות, וואלט געווען א מורא׳דיקע רחמנות אויף די ציגן, ווארום מ׳וואלט געדארפט האלטן די ציגן במשך זמן ארוך,

ווארום אויב מ׳וועט אפשניידן דעם מטווה פון די עזים, און מ׳וועט ווארטן מיט עשייה היריעות ביז נאך דערויף וואס מ׳וועט מאכן די קרשים וכו׳, וועט דאך אפפאלן דער גאנצער קונץ וואס זיי האבן באוויזן אין דעם וואס "טוו את העזים", אז מ׳זאל זיין פריש וכו׳ (ביז וואנעט אז ס׳שטייט בפירוש אין תושב"כ אז מ׳זאל וויסן אז ס׳איז געווען אזא קונץ פון "טוו את העזים"),

קומט אוים אז מ׳וואלט געדארפט האלטן די ציגן, און זיך מטפל זיין מיט זיי במשך זמן ארוך, במילא וואלט געווען אן ענין פון צער בעלי חיים וכו׳ - און אויף צו באווארענען דעם ענין, האט משה רבינו געהייסן אז צום אלעם ערשטן זאל מען מאכן די יריעות, וואס דורך דעם וועט מען קענען באפרייען די עזים.

מח. און דאס איז דער חילוק צווישן די יריעות מיט די קרשים - אז די יריעות האט מען געדארפט מאכן גלייך, כדי צו באפרייען די עזים, משא"כ בנוגע צו די קרשים, וואס דארטן איז ניט אזוי געווען נוגע צו מקדים זיין עשית הקרשים וואס פריער, ווארום:

אויפן פסוק[155] "ועשית את הקרשים למשכן", שטעלט זיך רש"י און איז מבאר פארוואס שטייט "הקרשים" (מיט א ה"א הידיעה) און ניט "קרשים", אז דאס מיינט "מאותן העומדין ומיוחדין לכך, יעקב אבינו נטע ארזים במצרים וכשמת צוה לבניו להעלותם עמהם כשיצאו ממצרים ואמר להם שעתיד הקב"ה לצוות אותן לעשות משכן במדבר מעצי שטים ראו שיהיו מזומנים בידכם", און רש"י פירט אוים "הוא שיסד הבבלי בפיוט שלו טס מטע מזורזים קורות בתינו ארזים כו׳".

ד.ה. אז זיינט חמשה עשר בניסן ווען מ׳איז ארויס פון - מצרים -

---

154) ויקהל שם, כב. 155) תרומה כו, טו.

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס 388 הודפס ע"י אוצר החכמה

כצרים האט מען געהאלטן מיט זיך די ארזים אויף צו מאכן דערפון די קרשי המשכן, וואס דער ציווי אויף עשיית המשכן איז דאך געווען ערשט למחרת יוהכ"פ[156].

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז פונקט ווי מ'האט געקענט האלטן די ארזים ביז דעמולט, האט מען זיי געקענט האלטן נאך א שטיקל צייט, ביז ווען מ'וועט ענדיקן באכן די יריעות.

מט. ע"פ האמור לעיל אז צום אלעם ערשטן האט מען געדארפט מאכן די יריעות כדי צו באפרייען די עזים (וואס דערפאר האט מען געמאכט די יריעות פאר די קרשים, אע"פ אז מנהג העולם איז צו מאכן פריער די ווענט און ערשט דערנאך דעם דאך) - האט מען לכאו' געדארפט מאכן די "יריעות עזים" פאר די אנדערע יריעות, איז ניט פארשטאנדיק: פארוואס האט מען פריער געמאכט די יריעות פון "שש משזר", און ערשט דערנאך די "יריעות עזים"?

איז דער ביאור בזה:

דאס וואס מ'האט געמאכט די יריעות איידער מ'האט געמאכט די קרשים, איז געווען דערפאר וואס עשיית הקרשים וכו' דארף נעמען א משך זמן ארוך, האט מען ניט געוואלט האלטן די עזים אזוי פיל צייט.

ווען עס רעדט זיך אבער וועגן די יריעות גופא. צי מ'זאל מאכן פריער די יריעות פון "שש משזר", אדער פריער די "יריעות עזים" - איז ווען ביידע זאכן וואלטן געדארפט געמאן ווערן דורך די זעלבע מענטשן, און עשיית היריעה פון "שש משזר" וואלט גענומען א משך זמן ארוך, וואלט מען טאקע געמאכט פריער די "יריעות עזים",

אבער אזוי ווי מ'האט געקענט מאכן די יריעות פון "שש משזר" און די "יריעות עזים" דורך באזונדערע מענטשן, און עשיית היריעות פון "שש משזר" האט ניט געדארפט נעמען א משך זמן ארוך - האבן די יריעות פון "שש משזר" א קדימה לגבי די "יריעות עזים",

ווארום דער בן חמש למקרא האט שוין געלערנט אז די "יריעות עזים" זיינען געווען "לאוהל על המשכן"[157], און רש"י טייטשט אפ: "לפרוש אותן על היריעות התחתונות" (די יריעה פון "שש משזר") - און מנהג העולם איז אז פריער מאכט מען דעם כיסוי שלמטה, און ערשט דערנאך מאכט מען דעם כיסוי

- שעליו -

---

156) פרש"י ר"פ ויקהל. וראה גם תשא לג, יא.

157) תרומה שם, ז.

הנחה הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 389 הודפס ע"י אוצר החכמה

שעליו, איז וויבאלד אז עס האנדלט זיך ניט וועגן א משך זמן ארוך, האבן די יריעות פון "שש משזר" א קדימה לגבי די "יריעות עזים".

נ. דער לימוד דערפון אין הנהגת האדם:

דערפון זעט מען אויף וויפל ס'איז נוגע דער צער פון א צווייטן, אפי' ווען עס רעדט זיך וועגן צער בעלי חיים, אז כדי צו באווארענען דעם ענין פון צער בעלי חיים. האט משה רבינו געהייסן אז מ'זאל פריער מאכן די יריעות און דערנאך די קרשים, אע"פ אז דער מנהג העולם איז, אז פריער בויט מען די ווענט, און ערשט דערנאך דעם דאך.

ועאכו"כ ווען עס רעדט זיך וועגן צער פון א בן אדם, ועאכו"כ בנוגע צו א אידן, "אתם קרויין אדם"[158], ע"ש אדמה לעליון[159] - אז ווען ער זעט א אידן וואס שטייט אין א מעמד ומצב פון ערום מן המצוות, "כי תראה ערום"[160], ווי ער טייטשט אפ אין הדבא"ר[161] "אין לך ערום . . אלא מי שאין בו תורה ומצוות", דארף גלייך זיין דער "וכסיתו".

און אז ער הויבט אן טראכטן בא זיך אז ער וועט טאקע מקיים זיין דעם "וכסיתו". ער וועט אבער טאן שפעטער, ווארום פריער דארף ער דאווענען. און ער דארף לערנען, און דארף עסן פרישטיק. און דארף טאן אין "הנהג בהן מנהג דרך ארץ"[162], און ער דארף זיך אויסרוהען נאכן עסן וכו', און ערשט דערנאך וועט ער מקיים זיין דעם "וכסיתו" -

זאגט מען אים אז אע"פ אז דאס איז טאקע מנהגו של עולם אבער אעפ"כ, דארף ער זיך רעכענען מיט דעם צער פון דעם אידן און באווארענען אז ס'זאל ניט זיין קיין ענין דמצער (במכש"כ וק"ו דערפון וואס מ'האט זיך גערעכנט מיט דעם ענין פון צער בעלי חיים, און דערפאר געטאן אן ענין וואס איז דער היפך פון מנהג העולם), עאכו"כ ווען יענער איד שטייט אין א מעמד ומצב של "ערום", ועאכו"כ ווען מ'זעט אז ער ווייסט גאר ניט אז ער איז אן "ערום", וואס דעמולט איז די רחמנות אויף אים כמ"פ ככה.

נא. און דאס איז דער ענטפער צו די וואס טענה'ן, אז בשלמא ווען א איד קומט צוגיין צו אים און בעט אים וכו', דעמולט דארף זיין דער ענין פון "פתוח תפתח"[163] און "הוכח תוכיח"[164],

- מיט -

---

158) יבמות סא, רע"א. 159) של"ה ג, ב. סא, ב. ובכ"מ.
160) ישעי' נח, ז. 161) פכ"ז. 162) ברכות לה, ב.
163) ראה טו, ח. 164) קדושים יט, יז.

<u>הנחה בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 390 הודפס ע"י אוצר החכמה

נים א"ע פסוקים וואס רעדן ווי אזוי כ׳דארף ארויסהעלפן א צווייטן אידן: אבער גיין אין גאס און זוכן א אידן וואס איז אן ארעמאן, און מקיים זיין דעם "כי תראה ערום וכסיתו" - ער זעט נים קיין חיוב בדבר!

זאגט מען אים אז ס׳איז דא דער ציווי פון תורה "כי תראה ערום וכסיתו", און לויט תורת הבעש"ט איז פארשטאנדיק, אז דאס וואס מ׳האט אים באוויזן אז ס׳איז דא א איד וואס איז אן "ערום", איז דאס נים דערפאר וואס מ׳וויל מגנה זיין און מצער זיין א צווייטן אידן (באווייזן אז ער איז אן "ערום"); דער איינציקער טעם פארוואס מ׳האט אים דאס באוויזן איז, דערפאר וואס זיין תפקיד איז אויפטאן דעם "וכסיתו", און דאס דארף אפגעטאן ווערן תיכף ומיד.

און אזוי ווי דאס איז בנוגע צו "כי תראה ערום", איז אזוי אויך בנוגע צו "כי תשמע" - ווען מ׳קומט צו אים און מ׳דערציילט אים אז ס׳איז דא א איד וואס שטייט אין א מעמד ומצב של "ערום", דארף ער וויסן אז דאס וואס מ׳האט אים דערציילט וועגן דערויף, איז נאר דערפאר וואס ער דארף אויפטאן דעם "וכסיתו".

וכידוע תורת הבעש"ט אז יעדער זאך וואס א איד זעט אדער הערט. איז אין דערויף דא א הוראה אין עבודתו לקונו, ווארום דערפון גופא וואס ער האט דאס געזעהן אדער געהערט, איז א הוכחה אז אין דערויף איז דא א הוראה בעבודתו לקונו.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז ווען ער דערוויסט זיך אז ס׳איז דא א איד וואס שטייט אין א מעמד ומצב של "ערום". דארף ער טאן דעם ענין פון "וכסיתו", ועד"ז "הלא פרוס לרעב לחמך", און "עניים מרודים תביא בית"[165], מיט אלע פרטים וואס ער רעכנט אויס אין דעם פסוק.

נב. און דאס איז די נקודה הפנימית פון אלע "מבצעים" (וואס פון זיי קומט מען צו שאר כל הענינים, וויבאלד אז "מצוה גוררת מצוה"[166]):

אנהויבנדיק פון דעם מבצע העיקרי - "מבצע אהבת ישראל" וואס דאס טוט אויף אז אלע אידן זאלן שטיין צוזאמען, אין אן אופן פון "כנסת ישראל", און דאס איז אויך פארבונדן מיט "מבצע חינוך",

און דערפון קומט דאס אראפ אין "מבצע תורה" - דער ענין פון "ארונא", און אין "מבצע תפילין", "מבצע מזוזה", "מבצע צדקה", "בית מלא ספרים - יבנה וחכמי׳",

- און -

---

165) ישעי׳ שם. 166) אבות שם.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ט ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 391 הודפס ע"י אוצר החכמה